**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/9/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט אז THE RAYMOND CORPORATION און TOYOTA MATERIAL HANDLING עפענען 'ענערגיע לייזונגען מעניופעקטשורינג צענטער פון אויסגעצייכנטקייט' אין ברום קאונטי

***לעגענדארע ערשט-קלאסיגע פאָרקליפט טרעקל מעניופעקטשורער האט אנגעהויבן אפעראציעס ביי אויסגעברייטערטע פאבריק אין די טאון אָוו קירקוואוד; נעמט זיך אונטער צו שאפן ביז אזויפיל ווי 45 נייע דזשאבס***

***אנגייענדע ניו יארק סטעיט און פעדעראלע אינוועסטירונגען ערגענצן "Southern Tier Soaring" — די ראיאן'ס ארומנעמיגע סטראטעגיע צו אויפלעבן קאמיוניטיס און אויפהייבן די עקאנאמיע, זיך קאנצענטרירנדיג אויף די פארגעשריטענע סטארעדזש ענערגיע אינדוסטריע***

***בילד פון ענערגיע לייזונגען מעניופעקטשורינג צענטער פון אויסגעצייכנטקייט פארעפנטליכט [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די וועלט-בארימטע פאָרקליפט טרעקל מעניופעקטשורער, The Raymond Corporation און Toyota Material Handling, צוויי פירמעס אינערהאלב Toyota Material Handling North America, פארגרעסערן אפיציעל זייערע אפעראציעס אין די סאוטערן טיער. The Raymond Corporation בויט איבער אן עקזיסטירנדע געביידע וואס געפונט זיך אויף Corporate Drive אין די טאון אָוו קירקוואוד פאר די נייע צוועק פון ארייננעמען די "ענערגיע לייזונגען מעניופעקטשורינג צענטער פון אויסגעצייכנטקייט" וואס וועט ערמעגליכן Raymond און איר 'עלטערן' פירמע צו אויפבויען א מער פילפארביגע רייע פון ענערגיע לייזונגען אזוי ווי די אינדוסטריע פארלאנג פאר עלעקטריציטעט פראדוקטן זעצט פאר צו וואקסן. די נייע איינריכטונג וועט פארזעצן צו שטיצן די לאנגיאריגע אנוועזנהייט פון די פירמע אין ניו יארק סטעיט און אירע 'גרינע' פראדוקטן ליניע מיטן צוזאמשטעלן פארגעשריטענע ענערגיע לייזונגען, ארייגרעכנענדיג ליטיום-אייאָן באטעריע פעקס וואס ווערן גענוצט אין Raymond פאָרקליפט טרעקלעך. אלס רעזולטאט פון די אויסברייטערונג, האט The Raymond Corporation זיך אונטערגענומען צו שאפן ביז אזויפיל ווי 45 נייע דזשאבס. די פירמע האט אנגעהויבן די פראצעדור פון רענאווירן, אויסשטאטן און אפערירן ביי די פאבריק, און זי ערווארט אז עס זאל זיין פולשטענדיג אין אפעראציע ערגעצוואו אין 2025. די אנאנסירונג בויט ארויף אויף די באדייטנדע ארבעט וואס ווערט געטוהן אין ניו יארק סטעיט און אין די סאוטערן טיער אין די ענערגיע סטארעדזש און פארגעשריטענע באטעריע אינדוסטריעס.

"עס איז דורך טראנספארמאטיווע פראיעקטן ווי The Raymond Corporation's ענערגיע לייזונגען מעניופעקטשורינג צענטער פון אויסגעצייכנטקייט וואס מיר מאכן זיכער אז דער סאוטערן טיער ראיאן, און אין פאקט — גאנץ ניו יארק סטעיט, געפונען זיך אויף די פארגעשריטענסטע זייט פון מעניופעקטשורינג און ערפינדונג", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "צוזאמען מיט אונזערע פעדעראלע שותפים, ארבעטן מיר

צו זיכער מאכן אז ניו יארק סטעיט איז די גלאבאלע פירערין אין די פארגעשריטענע באטעריע ערפינדונגען אינדוסטריע."

עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט טוט ארויסהעלפן די פירמע מיט דעם פראיעקט דורכן צושטעלן ביז אזויפיל ווי 1 מיליאן דאלאר דורך דעם עקסעלסיאר דזשאבס טעקס קרעדיט (Excelsior Jobs Tax Credit) פראגראם וואס ווערט געגעבן לויט די רעזולטאטן וואס די פירמע שטעלט אהער. די סך הכל פראיעקט קאסטן זענען געשאצט געווארן צו זיין עטוואס מער פון 15.6 מיליאן דאלאר.

געגרונדעט אין 1922, האט זיך The Raymond Corporation'ס ערשט-קלאסיגע הצלחה אנגעהויבן אין די ווילעדזש אָוו גרין אין שענענגאָו קאונטי אין ניו יארק'ס סאוטערן טיער ראיאן אלס אן אייזן פאבריק. די פירע'ס פראדוקטן האבן זיך אנטוויקלט צו אריינרעכענען פאטענטן פאר די דעזיין פון די ערשטע צוויי-זייטיגע האלצערנע פעלעט און די היידראלישע האנט פעלעט טרעקל. אנדערע טעכנאלאגישע פארשריט רעכנט אריין איר ארומנעמיגע iWAREHOUSE® פּאָרקליפט פלאטע פארוואלטונג סיסטעם, און אין 2017 – אפשפיגלנדיג איר פארפליכטונג צו אלטערנאטיווע ענערגיע לייזונגען – האט די פירמע אריינגעברענגט איר ערשטע פּאָרקליפט טרעקל געטריבן דורך א ליטיום-אייאָן באטעריע. אין צוגאב, איז The Raymond Corporation באעהרט געווארן מיט א רייע פון באעהרונגען און אנערקענונגען פון די Logistics Hall of Fame, IndustryWeek, די National Association of Manufacturers און אנדערע ארגאניזאציעס.

**The Raymond Corporation פרעזידענט און CEO, מייקעל פיעלד, האט געזאגט,** "די פייערליכע עפענונג צייכנט אפ א באדייטנדע דערגרייכונג אין אונזער פירמע'ס רייזע. אבער וויכטיגער דערפון — ווייזט עס ארויס אונזער פארפליכטונג צו די צוקונפט דורכן ברענגען דזשאבס, וואוקס און געלעגנהייט צו פאראויס רוקן די פירמע און די פראכט באוועגונג טרעקלעך אינדוסטריע, און דורכן אפפערן פאר אונזערע קליענטן די בעסטע ענערגיע לייזונגען צו זיין פאסיג פאר זייערע אייגנארטיגע באדערפענישן."

**Toyota Material Handling וויצע פרעזידענט פון אינדזשענירונג, דזשאָש לינעמאן, האט געזאגט,** "מיר זענען פארפליכטעט צו צושטעלן די טרייב-קראפט פאר א גרינערע צוקונפט, און די סטראטעגישע אינדזשענירונג וועט אונז העלפן אויף די מיסיע. און די וויכטיגסטע זאך איז אז מיר זענען פארפליכטעט צו טוהן וואס אימער עס פעהלט זיך אויס צו לייזן אונזערע קליענטן'ס פראבלעמען וואס האלטן זיך אין איין אנטוויקלען. די ענערגיע לייזונגען מעניופעקטשורינג צענטער פון אויסגעצייכנטקייט וועט אונז ערלויבן צו שאפן אזויפיל ווערט פאר אונזערע קליענטן דורכן אנטוויקלען און פראדוצירן לייזונגען צו נאכקומען די אייגנארטיגע באדערפענישן פון יעדע קליענט."

דער פראיעקט בויט ווייטער ארויף אויף די גאווערנער'ס איבערגעגעבנקייט צו שטיצן באמיאונגען אויף פארגעשריטענע ענערגיע. אין יאנואר האט די גאווערנער אנאנסירט אז די פאראייניגטע שטאטן נאציאנאלע וויסנשאפט פאַונדעישען (National Science Foundation) האט דעזיגנירט די 'נייע ענערגיע ניו יארק' (New Energy New York, NENY) ענערגיע סטארעדזש אויפטרייבונג צענטער אלס א ראיאנישע ערפינדונג טרייב קראפט (Regional Innovation Engine אדער NSF Engine) אלס טייל פון פרעזידענט ביידן'ס "אינוועסטירן אין אמעריקע" אגענדע. די NENY ענערגיע סטארעדזש אויפטרייבונג צענטער וואס געפונט זיך אין בינגהעמטאן אוניווערסיטעט אין ניו יארק'ס סאוטערן טיער ראיאן, וועט באקומען ביז אזויפיל ווי 15 מיליאן דאלאר פאר צוויי יאר און ביז 160 מיליאן דאלאר איבער 10 יאר צו אויפשטעלן א צענטער וואס וועט פארשנעלערן ערפינדונגען, אריינברענגען נייע טעכנאלאגיעס און שאפן א פעהיגע ארבעטסקראפט צו פארגרעסערן די קאפאציטעט פון די באטעריע אינדוסטריע אינעם לאנד. דורך עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, וועט ניו יארק סטעיט צושטעלן 'מעטשינג פאָנדס' פאר 20 פראצענט פון די ערשטע פינף יאר פון דעם פראיעקט און אזוי אויך צושטעלן שטיצע דורך שוין-וועקגעשטעלטע פראגראמען. די NENY ענערגיע סטארעדזש אויפטרייבונג צענטער איז

אויסדערוועהלט געווארן צוליב איר פארשידנארטיגע קאאליציע פון קערפערשאפטן פון פארשידענע סעקטארן וואס וועלן בויען א פירנדע סיסטעם צו פאראויס טרייבן טעכנאלאגישע באטעריע ערפינדונגען, ארבעטסקראפט אנטוויקלונג און מעניופעקטשורינג צו שטיצן די פאראייניגטע שטאטן נאציאנאלע זיכערהייט און קאנקורענץ אויפן גלאבאלע מארקעט.

**סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שומער האט געזאגט,** "אין צוגאב צו אירע אפעראציעס אין די סאוטערן טיער, האבן The Raymond Corporation און Toyota Material Handling North America (TMHNA) אוועקגעשטעלט א פארגעשריטענע ענערגיע סטארעדזש לייזונגען אנטוויקלונג, פראָטאָ-טייפ אנגרייטונג און אויספראבירונג צענטער אין מאנראו קאונטי. די פאראויס-קוקנדע פארשונג און אנטוויקלונג צענטער וועט זעהן TMHNA ארבעטנדיג צוזאמען מיט ראטשעסטער ראיאן ענערגיע סטארעדזש מיטלען צו ווייטער שטיצן איר און Toyota Industries'ס פארגעשריטענע ענערגיע לייזונגען טעכנאלאגיע באמיאונגען, אריינרעכענענדיג ליטיום-אייאָן באטעריעס און ברענשטאף צעלן. The Raymond Corporation און TMHNA באשעפטיגן 2,600 ארבייטער אריבער די סטעיט."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופ נייט, האט געזאגט,** "דאס אויסברייטערן ניו יארק סטעיט'ס גרינע עקאנאמיע איז א הויפט פריאריטעט פאר גאווערנער קעטי האקול און פאר ESD. מיר זענען שטאלץ צו שטיצן Raymond Corporation'ס איבערגעגעבנקייט צו טרייבן פאר באנוצן מיט אלטערנאטיווע ענערגיע אין די פאָרקליפט טרעקל מעניופעקטשורינג אינדוסטריע, און מיר זענען באגייסטערט ביז גאר אז די הונדערט-יאר-אלטע סאוטערן טיער פירמע טוט פארזעצן צו שאפן עקאנאמישע געלעגנהייטן און דזשאבס פון א הויכע קוואליטעט אריבער דעם ראיאן."

**קאונטי עקזעקיוטיוו דזשעיסאן גארנאר האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט צו באגרוסן The Raymond Corporation'ס אויסברייטערונג אריין אין ברום קאונטי, און מיר זענען דאנקבאר פאר זייער פארפליכטונג צו וואקסן דא. די נייע פאבריק וועט ברענגען ווערטפולע דזשאבס, פארגעשריטענע טעכנאלאגיע און א באדייטנדע שטופ פאראויס צו אונזער לאקאלע עקאנאמיע. Raymond'ס באשלוס זיך צו אויסברייטערן אין אונזער קאמיוניטי ווייזט אז זיי האבן שטארקע צוטרוי אין אונזער צוקונפט. א דאנק פאר גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדע שטיצע ביים ערמעגליכן די וואוקס. מיר קוקן ארויס צו העלפן Raymond בליהען דא פאר פילע יארן אין די צוקונפט."

**קירקוואוד טאון סופערוויזער, ליו גראָבהעם, האט געזאגט,** "קירקוואוד נעמט ווארעם אויף Raymond Corporation צו אונזער ערשט-קלאסיגע גרופע פון ביזנעסער וואס רעכענען אריין Frito Lay, Fed Ex, Willow Run, Masonite, Atkore און פילע אנדערע. מיר זענען דערפריידט אז Raymond האט אויסגעוועהלט קירקוואוד צו זיין די פלאץ וואו זיי וועלן זיך אויסברייטערן, און מיר גלויבן אז עס וועט זיין א פאזיטיווע אויסוואהל סיי פאר Raymond און סיי פאר קירקוואוד."

**איבער The Raymond Corporation**

The Raymond Corporation, א מיטגלידערין פון די Toyota Industries פאמיליע פון פירמעס, איז א פירנדע גלאבאלע פראָווײַדער פון די בעסטע פראכט באוועגונג פראדוקטן אין די קאטעגאריע און קלוגע לייזונגען צו האנדלען מיט לאגיסטיקס. געבויט אויף די פרינציפן פון ערפינדערישקייט און כסדר'דיגע פארבעסערונג פאר איבער 100 יאר, טוהען Raymond'ס אריינגעבויטע אויטאמאציע, 'טעלע-מאטיקס', 'ווירטואלע רעאליטעט' און פארגעשריטענע ענערגיע לייזונגען צושטעלן וועגן צו אויסגלאטן אפעראציעס און ברענגען ווערהאוז און דיסטריביושען אפעראציעס צו א נייע שטאפל פון ווירקזאמקייט. Raymond® עלעקטרישע פאָרקליפט טרעקלעך ווערן אינדזשענירט צו זיין מער פראדוקטיוו און ווירקזאם און זענען דעזיינט צו גיבן עקאלאגישע און עקאנאמישע בענעפיטן. Raymond דעליווערט אירע פראדוקטן צו פראכט באוועגונג און לאגיסטיקס מארקעטס אין צפון אמעריקע און אריבער די וועלט. צוזאמפארנדיג אויסגעצייכנטקייט אין אפעראציע, ערפינדונגען וואס האבן זיך פארדינט באעהרונגען און ערשט-קלאסיגע

גלאבאלע קאסטומער סופּארט, ארבעטן מיר צוזאמען צו אנפירן בעסער, פארוואלטן קלוגער און שטענדיג האלטן אונזערע קליענטן צופרידן. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט raymondcorp.com און פאַלאָוט אונז אויף Facebook, YouTube און LinkedIn.

**איבער Toyota Material Handling North America**

Toyota Material Handling North America (TMHNA), די אינדוסטריע פירערין אין פאָרקליפט טרעקל פארקויפונגען, באשטייט פון צוויי הויפטזעכליכע גרופע פירמעס: Toyota Material Handling, Inc. און The Raymond Corporation. איינס פון יעדע דריי פאָרקליפט טרעקלעך וואס ווערן פארקויפט אין צפון אמעריקע איז א פראדוקט אדער פון Toyota אדער פון Raymond. מיט נאענט צו 2.5 מיליאן סקווער פיס פון פלאץ פאר מעניופעקטשורינג, באשטייט TMHNA פון פינף מעניופעקטשורינג פאבריק לאקאציעס: קאלאמבוס, אינדיאנא; גרין, ניו יארק; מוסקאטין, אייאווע; איסט טשיקאגו, אינדיאנא; און אָקוויל, אָנטאַריאו, קאנאדע, וועלכע פראדוצירן סטארעדזש שעלף פראדוקטן און מער פון 1,500 פאָרקליפט טרעקלעך פער וואך. מיט יערליכע פארדינסטן פון איבער 4 ביליאן דאלאר, האט TMHNA מער פון 15,000 פארבינדענע פירמעס און מער פון 300 דילער לאקאציעס צו שטיצן Toyota און Raymond קליענטן אריבער גאנץ צפון אמעריקע. פאר נאך אינפארמאציע איבער TMHA, באזוכט: https://www.tmhna.com/.

**שטופן 'Southern Tier Soaring' אויף פאראויס**

די היינטיגע אנאנסירונג באגלייט "Southern Tier Soaring" (דרום טייל - זיך אויפהייבנדיג), די ראיאן'ס ברייטע פלאן צו אויפטרייבן שטארקע עקאנאמישע וואוקס און קאמיוניטי דעוועלאפמענט. די ראיאניש-אויסגעשטעלטע פלאן קאנצענטרירט זיך אויף וויאזוי צו צוציהען טאלאנטירטע ארבייטער, מאכן ביזנעסער וואקסן און טרייבן פארשריט פון דעם קומענדיגן דור. מער אינפארמאציע איז פארעפנטליכט דא.

**וועגן עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט**

עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) איז ניו יארק'ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור (www.esd.ny.gov). די מיסיע פון ESD איז צו שטופן פאר אן אויפגעלעבטע און וואקסנדע עקאנאמיע, ערמוטיגן דאס שאפן נייע דזשאבס און עקאנאמישע געלעגנהייטן, העכערן איינקונפטן פאר די סטעיט און אירע לאקאלע רעגירונגען, און ערנייען סטאבילע און פארשידנארטיגע לאקאלע עקאנאמיעס. דורכן נוצן הלוואות, גרענטס, טעקס קרעדיטס און אנדערע סארטן פינאנציעלע הילף, שטרעבט ESD צו פארמערן פריוואטע ביזנעס אינוועסטירונג און וואוקס צו טרייבן דאס שאפן פון נייע דזשאבס און שטיצן בליהענדע קאמיוניטיס איבער גאנץ ניו יארק סטעיט. ESD איז אויך די הויפט אדמיניסטראטיווע אגענטור וואס טוהט איבערזעהן די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס און די מארקעטינג פון די "I LOVE NY" (איך האב ליב ניו יארק) קאמפיין, די סטעיט'ס אייקאנישע טוריזם ברענד. פאר מער אינפארמאציע איבער ראיאנישע קאונסילס און איבער עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, באזוכט www.regionalcouncils.ny.gov און www.esd.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן